# LIVING TORAH

# ראש השנה

## משיחת וא״ו תשרי, ה׳תשמ״ב

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

לכאורה די מצות התשובה איז דאָך דאָס אַן ענין וואָס איז גאָר פאַרבונדן דוקא ווען מ׳איז ביחידות.

וואָס דעמולט דאַרף ער דאָך מאַכן אַ חשבון צדק; ווי אַזוי איז דאָס אַ חשבון צדק? — דאַרף ער זיך דאָך מתייחד זיין און ס׳זאָל ניט זיין קיינע ענינים המבלבלים, זיך מתבונן זיין, בדוגמא ווי מ׳זאָגט אין שולחן ערוך בנוגע צו תפילה בכל יום: מתבונן זיין ״בגדלות הא-ל ובשפלות האדם״ — במכ״ש וק״ו אַז ער האַלט אין טאָן תשובה.

און דאָ זאָגט מען, אַז אַן ענין פון אַ ציבור העלפט אַרויס אין תשובה!

לכל לראש איז אַ כלל אין הלכה, אַז בשעת מ׳האָט אַ ראי׳ פון אַ ״מעשה רב״ — איז דאָס די גרעסטע ראי׳ וואָס ס׳קען זיין, אַז דער ענין איז אַזוי.

זעט מען בטבע בני אדם, אַז ווען ס׳קומט צו יום הכיפורים, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר יום התשובה, ובלשון הרמב״ם, אַז התשובה איז ״כל השנה יפה היא״, אַז אַ גאַנצן יאָר — ווי געזאָגט פריער ״כל ימיו בתשובה״ — איז אַן עת זמן הכושר אויף תשובה-טאָן, אָבער דאָס קומט ניט צו דעם ענין התשובה ווי דאָס איז אין ״אחת בשנה״, אין יום הכיפורים.

זעט מען בטבע בני אדם, אַז ווי ס׳איז זייער ריצה און לויפעניש אויף צו זיין בבית הכנסת — קומט דאָס ניט צו דער ריצה און זייער לויפן אויף צו זיין בבית הכנסת ב״יום הקדוש״, ביום הכיפורים.

ביז וואַנעונט, אַז ס׳איז דאָך דאָ אַזוינע, וואָס מסיבות שונות ומשונות, אַ ״תינוק שנשבה בין העכו״ם״: ער איז ניט שולדיק אין דעם, מ׳האָט אים גענומען ״בשבי״ איידער ער האָט נאָך געהאַט אַ דעה על הנהגת עצמו,

איז בשעת ס׳קומט יום הכיפורים, ווערט ער נתעורר, און ניט נאָר נתעורר בנפשו, נאָר דאָס פועל׳ט אויף זיינע פיס אפילו, אַז זיי זאָלן אים אַוועקפירן אין אַ בית הכנסת, צו זיין צוזאַמען מיט נאָך אידן, וויבאַלד אַז דאָס איז יום התשובה, יום הכיפורים.

איז דער ענין אויך פאַרשטאַנדיק — מ׳וויל דאָך יעדער זאַך פאַרשטיין אויך אין שכל:

דער ענין התשובה איז דאָך פאַרבונדן מיט מאַכן אַ חשבון צדק. ווערט דאָך די שאלה: וויבאַלד אַז ״אדם קרוב אצל עצמו״, ער קען ניט זיין אינגאַנצן אָביעקטיוו ווען ס׳רעדט זיך וועגן אים אַליין. און מ׳מאָנט פון אים, אַז ער זאָל מאַכן אַ חשבון, און דאָס זאָל זיין אַ ״חשבון צדק״!

בשעת ער געפינט זיך מיט אַ צווייטן אידן, וואָס דער צווייטער איד האָט דאָך אויך אַ נפש האלקית, ובלשון פון דעם מיטעלן רבי׳ן: אָט דעמולט איז דאָ צוויי נפש האלקית אויף איין נפש הבהמית. ובפשטות: אַ צווייטער קען אים באַווייזן, און ער קען ביי אים בוחן זיין צי ער האָט געמאַכט דעם חשבון צדק, אָדער ביי אים איז געווען אהבת עצמו אין אַזאַ אופן, אַז ״על כל פשעים תכסה אהבה״.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# ראש השנה

בשעת אָבער דער צווייטער איד איז מערניט ווי נאָך איינער אָדער נאָך צוויי וכיוצא בזה – זעט מען דאָך בטבע בני אדם, אַז אע"פ וואָס ער האָט, אַן אדם השלם – אַ געזונטער מענטש – האָט דאָך אַלע חושים מיט אַלע אברים מיט אַלע גידים, אעפ"כ איז דאָ אַ זאַך אין וועלכע "הוי זהיר טפי": יעדערער האָט דאָך אַ כשרון אין אַ דבר מיוחד – אע"פ וואָס ער איז אַ שלם אין אַלע איבעריקע זאַכן אויך – צי דאָס איז אין אַן ענין פון אַ שכל, הבנת שכל, אָדער אין וואָס ער קאָכט זיך בנוגע למעשה, צי דאָס איז מעשה הצדקה צי מעשה פון געבן אַן עצה טובה אָדער אַ מעשה פון רפואה וכיוצא בזה – האָט דאָך יעדערער זיין חוש און זיין ענין, וואָס אין דערויף איז ער "זהיר טפי".

בשעת ער געפינט זיך מיט נאָך אַ צווייטן, איז טאַקע דאָ די צוויי נפש האלקית אויף איין נפש הבהמית, אָבער דער צווייטער האָט דאָך זיך אַן ענין אין וועלכן ער איז מער פאַרקאָכט ווי אין די אַנדערע ענינים, איז דאָך רעכט, אַז ער זאָל אים פאַרפעלן און ניט זיין דער "מומחה" אויף אָנווייזן אים וואָס ער האָט פאַרפעלט אין אַנדערע ענינים, אין וועלכע ער קאָכט זיך ניט.

בשעת אַ איד געפינט זיך אין אַ ציבור, וואָס אין דעם ציבור איז דאָ פאַרשידענע-ערליי "אין דיעותיהם שוות", דאָס איז אָבער כולל אַלע חושים מיט אַלע הבנות מיט אַלע נטיות מיט אַלע כשרונות – אָט דעמולט האָט ער דעם בעסטן אויסקוק, אַז מ׳וועט אים אָנווייזן [אויב נאָר ער וועט זיך נאָכפרעגן – ווי אַ תשובה דאַרף זיין, אַז ס׳דאַרף דאָך זיין מרצון, ביז אַ תשובה מתוך אהבה, און אהבה אמיתית, וועט מען אים אָנווייזן], אין די אַלע ענינים וואָס ער דאַרף נאָך משלים-זיין.

וואָס "לא נפלאת היא ולא רחוקה היא", נאָר ווי תורת אמת זאָגט, אַז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו",

וואָס ווי דער רמב"ן און דער אַלטער רבי טייטשן דאָס אָפּ, אַז דאָס גייט אויף מצות התשובה,

זאָגט מען, אַז איצטער איז דאָס אויך אַזוי, און דאָס איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך". מ׳מאָנט נאָר פון אים, אַז ס׳זאָל זיין "לעשותו" – ער זאָל דאָס אַראָפּברענגען אין מעשה בפועל,

און אָט דעמולט איז "הקב"ה עוזרו": נאָך מער ווי די שלימות צו וועלכע ס׳קען צוקומען אַ נברא מצד זיינע כוחות פון אַ נברא – באַקומט ער אויך "ברכת ה׳ היא תעשיר", אַז ער טוט דאָס אין אַ רייכן אופן, אין דעם רייכסטן אופן ווי ס׳קען זיין אין די ענינים, אין דער שלימות.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.